# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:45
מוצאי שב"ק.....................8:17

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...... דברי הימים ב כ"ג – כ"ד
בבלי................... בבא מציעא י"ז
ירושלמי.......................... עירובין ב'
תוספתא.......................... נזיר ד'
רמב"ם.......................... נדרים ה'


פרשת פקודי, ו' אדר-ב', שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 24 (643)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי עֲנַן ה' עַל הַמִּשְׁכָּן יוֹמָם וְאֵשׁ תִּהְיֶה לַיְלָה בּוֹ לְעֵינֵי כָל בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מַסְעֵיהֶם,** אַ וָואלְקֶן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט גֶערוּעֶט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן מִשְׁכָּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ', י"ז) **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים,** אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז כְּסֵדֶר פַאַרְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אֵיין טָאג כַאפְּט אִים אָן אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל דִי מִדַּת הַדִּין אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער פִּיסְלֶעךְ אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, קֶען עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוערְט עֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז וִוי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט אוּן גְרִינְג, אוּן דֶערְוַוייל זֶעט עֶר גָאר אַז אַלֶעס אִיז אִים טוּנְקְל אוּן פַארְלָאשְׁן, אוּן עֶר לָאזְט נֶעבֶּעךְ אָפּ זַיינֶע גוּטֶע וֶועגְן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם טוּנְקֶעלְן וָואלְקְן אוּן נֶעפְּל וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי, **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק,** זֶענֶען דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּצוּגֵיין, אָבֶּער **וּמֹשֶׁה,** דָאס אִיז דֶער דַּעַת אוּן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד נֶעמְט דֶעם שֵׂכֶל פוּן אַ צַדִּיק, **נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל,** גֵייט עֶר דַוְקָא יָא אַרַיין צוּם נֶעפְּל, ווַייל עֶר וֵוייסְט, **אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים,** אַז דָארְט בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעזָאגְט, וָואס מִיט דֶעם קֶען אַ אִיד זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן פוּן צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. אֲפִילוּ עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אַלֶע סָארְטְן פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, קֶען עֶר זִיךְ אַלֶעמָאל נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶס אִים גֵיין שְׁוֶוער, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דָאס אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן, עֶס אִיז נָאר אַ נֶעפְּל, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אִים מְקָרֵב זַיין, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי טוּנְקֶעלֶע נֶעפְּל, וֶועט עֶר זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס קֶען זַיין מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה, **כִּי עֲנַן ה' עַל הַמִּשְׁכָּן,** דֶער מִשְׁכָּן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער פְּלַאץ וואו דִי שְׁכִינָה הָאט גֶערוּעֶט, פוּן דָארְט הָאט אַרוֹיסְגֶעשַׁיינְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ וָואלְקְן אִיבֶּער דֶעם, ווַייל אַזוֹי גֵייט עֶס אַלְץ, אֵיידֶער מֶען ווִיל אָנְקוּמֶען צוּ הֵיילִיגֶע אוּן גוּטֶע זַאכְן, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְכְגֵיין אַ טוּנְקֶעלֶע וָואלְקְן. מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז, **וְאֵשׁ תִּהְיֶה לַיְלָה בּוֹ,** אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נַאכְט אוּן טוּנְקְל, בְּרֶענְט אָבֶּער דָאס פֵייעֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעוֵוייניג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי מְנִיעוֹת, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, **לְעֵינֵי כָל בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מַסְעֵיהֶם,** סֵיי וואו אַ אִיד פָּארְט נָאר, סֵיי וֶועלְכֶע וֶועג עֶר אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען בִּיז יֶעצְט, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג פַאר אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל פְּקוּדֵי תשס"ה)

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## אַייְנְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט

ס'אִיז דָא אַזַא אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן נוּצְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז "יֶענֶער הָאט אַייְנְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט". דָאס נוּצְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף אַ בַּאקַאנְטֶער פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק פָּאפּוּלֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט אַסַאךְ נָאכְפָאלְגֶערְס. אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט זִיךְ אַן אוֹיסְדְרוּק אַז עֶר נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ פַאלְשֶׁער אוֹיסְדְרוּק. אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַייְנְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. עֶס אַרְבֶּעט פַארְקֶערְט, דִי וֶועלְט נֶעמְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שַׁאנְס אַייְנְצוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַייְנְרֶעדְן אַז עֶר גֵייט אַייְנְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, וָואס בְּלַייבְּט אָבֶּער אִיבֶּער צוּם סוֹף פוּן אַ מֶענְטְשׁ? דִי וֶועלְט נֶעמְט אִים אַרַיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט נָאר אַ בֶּערְגְל עֶרְד.

דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל. מֶען זֶעט וִוי אַ שׁוֹחֵט פִירְט אַן אָקְס צוּ דִי שְׁחִיטָה, דֶער אָקְס קֶען זִיךְ צֶעוִוילְדֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן אָנְהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אִים גוּט אָנְכַאפְּן, צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַן אַייזֶערְנֶעם קֵייט אָדֶער אַ


<<<<<<


## א גוט ווארט

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע ווִינְטֶער, קוּק וואוּ מֶען הַאלְט. דִי וָואךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי שְׁרַייט מֶען שׁוֹין נָאכְאַמָאל: "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַייְנְגֶעפִירְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, שְׁנַיִם מִקְרָא מִיטְן תַּרְגּוּם - זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דַאן עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען קֶען שְׁרַייעֶן מִיט רֶעכְט: "חֲזַק חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק!" ווַייל יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג, עֶס בְּלַייבְּט גוּטְס פוּן יֶעדְן טָאג. נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס פִילְט אוּנְז אָן מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס; עֶר מַאכְט אוּנְז רַייךְ מִיט תּוֹרָה תְּפִלָּה, מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, אַזוֹי אוֹיךְ מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְּמָרָא וְכוּ' וְכוּ'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשע"ט)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# "אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַ אִיד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז יָארְן צוּרִיק אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּ מוֹהֲרָא"ש, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם!" הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "גַּם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער חִילוּק אִיז נָאר, עֶס זֶענֶען דָא וָואס וֵוייסְן דָאס נָאךְ נִישְׁט, זֵיי מֵיינֶען נָאךְ אַז זֵיי הָאבְּן דֶעם זֵיי הָאבְּן יֶענֶעם, אָבֶּער דוּ" - זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"ש - "וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט אַלֵיין".

יֶענֶער הָאט מִיר דָאס דֶערְצֵיילְט מִיט אַ טַעֲנָה אוֹיף מוֹהֲרָא"ש: "וָואס הֵייסְט מוֹהֲרָא"ש זָאגְט "גַּם אֲנִי לְבַד" - אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַלֵיין? מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאךְ אַ וַוייבּ, קִינְדֶער, חֲסִידִים, תַּלְמִידִים מִיט גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ' וָואס ווִיל עֶר מִיר אַיינְרֶעדְן וְכוּ'?!" אָבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דֶעם דִיבּוּר, גַאנְצֶע וָואכְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט חִיוּת פוּן דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גַּם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי סִפּוּר פוּן דִי וֶוערְטֶער: "גַּם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וֶוער אִיךְ שְׁטַארְק אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם יְסוֹד: "אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן" - גֶעבְּט דָאס אִים כֹּחַ צוּ לֶעבְּן; וַוייל כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין: 'אִיךְ הָאבּ דֶעם, אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם', לֶעבְּט מֶען אַלְץ מִיט פְּחָדִים. מֶען טְרַאכְט: 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ פַארְלִירְן דֶעם, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ פַארְלִירְן יֶענֶעם וְכוּ''; וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר הָאט גֶעלְט, דֶער אִיז דָאךְ

<<<<<<

>>>>>> מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק. אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ דִי שְׁחִיטָה קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל זֶען ווִי דֶער אָקְס נֶעמְט זִיךְ לוֹיפְן פָארְאוֹיס אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט דֶעם שׁוֹחֵט, אוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער גֵייט עֶס פַארְקֶערְט, אַז דֶער אָקְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים גֵיין וַוייטֶער, אוּן דַאן דַארְף דֶער שׁוֹחֵט אִים שְׁלֶעפְּן מִיט כֹּחַ. אַזוֹי גֵייט עֶס אַהִין אוּן צוּרִיק, אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער שׁוֹחֵט דֶעם אָקְס, אוּן אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער אָקְס דֶעם שׁוֹחֵט. דֶער וָואס קוּקְט דָאס צוּ פוּן דֶער זַייט, וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס שְׁלֶעפְּט בֶּאֱמֶת וֶועמֶען. שְׁפֶּעטֶער אָבֶּער, וֶוען דֶער שׁוֹחֵט שֶׁעכְט דֶעם אָקְס, דַאן וֶוערְט מֶען גֶעוואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז דֶער שׁוֹחֵט אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אָקְס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיף אוֹיף דֶער וֶועלְט - הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק אוֹיסְגֶעפִירְט. ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט ווִיסְן וֶוער עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועם. אַמָאל קֶען אוֹיסְזֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלֶעפְּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער סוֹף פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס יָארְן, וֶוען עֶס קוּמְט זַיין צַייט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶעוואוֹיר וֶועט עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועמֶען. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט... וַוייל דִי וֶועלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער קֵיינֶער קֶען יָא אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט...

דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶערוּפְן "עוֹלָם". דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "הַעֲלָמָה", וָואס דָאס מֵיינְט "בַּאהַאלְטְן". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט דִי וֶועלְט אוֹיף צוּ שְׁפִּילְן "בַּאהַאלְטְן" מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט זֶעט מֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מִיט אַזוֹיפִיל פוּן זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוֹיפְטוּעֶן, אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶענְטְשְׁן פִירְן טַאקֶע דִי וֶועלְט. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר קֶען אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, עֶר וֶוערְט גֶעוואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ קוּנְץ, אוּן אֵיינֶער וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם "עוֹלָם". פַאר אִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן בַּאהַאלְטְן. עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אוּנְטֶער אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפוּנְט זִיךְ אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס פוּן הוּנְטֶער דִי קוּלִיסְן.

ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען דֶערְצוּ? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן דוּרְכְ'ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים שְׁמוּעֶסְט עֶר אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר בֶּעט זַיין הִילְף וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוֹיפְצוּאַוִויקְלֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דֶעם אֱמֶתְ'ן פָּנִים פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס שֵׁיילְט זִיךְ אָפּ דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע שִׁיכְט וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ'ס אוֹיגְן, אוּן דַאן זֶעט עֶר מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וָואס עֶס לִיגְט פוּן אִינֶעוֵויינִיג - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים י, כ) "וּבוֹ תִדְבָּק" - עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

לָאמִיר נֶעמֶען צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר אוּן עֶס צוּזַאמְקְלֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבּ, וָואס וֶועט דַאן פַּאסִירְן? דִי צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר וֶועט מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע. אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶועט זֵיי צֶערַייסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט, וֶועט זִיךְ אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אֵיין שְׁטִיקְל מִיט דִי אַנְדֶערֶע. אוּן דָאס מֵיינְט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן דַאן וֶועט מֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צֶעטֵיילְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ יָא אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים... דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶועט אִים אַרַיינְקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט אַזוֹי דֶער מַצָּב, עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר טַאקֶע אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קלט, ו) "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ" - דָּוִד הַמֶּלֶךְ וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח" - וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ" - אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְפְלִיעֶן אִין הִימְל, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנִידֶערְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ אָפְּגֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי וַוייט עֶר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן. דַארְף עֶר אֵייבִּיג ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים. עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן קוּקְט אוֹיס, אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן וואוּ אַהִין עֶר צִילְט אִין זַיין לֶעבְּן, וואוּ עֶר ווִיל אַלְס אָנְקוּמֶען. אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען ווִי זַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דְרַאסְטִישׁ טוּישְׁן צוּם גוּטְן. עֶר וֶועט הָאבְּן אַ לִיכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק י' עֶרֶךְ עוֹלָם וְחֵלֶק י"ד עֶרֶךְ דְבֵיקוּת)

גָאר אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, וַוייל שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג צוּלִיב זַיין גֶעלְט, עֶר אִיז מָלֵא פַּחַד אַז אֶפְשָׁר וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין גֶעלְט, אָדֶער אֶפְשָׁר וֶועט זִיךְ אֵיין טָאג אוֹיסְנוּצְן זַיין גֶעלְט, וֶוען בֶּאֱמֶת קֶען גֶעלְט נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס מַאכְט נָאר פְּחָדִים וְכוּ'. אָבֶער וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען הָאט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָךְ מֶען זָאל עֶפֶּעס קֶענֶען פַארְלִירְן.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גָארְנִישְׁט, דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיז גָארְנִישְׁט אוּן וִויל גָארְנִישְׁט, קֶען מֶען אִים גָארְנִישְׁט צוּ נֶעמֶען; וַוייל וָואס וֶועסְטוּ אִים צוּ נֶעמֶען? עֶר הָאט דָאךְ גָארְנִישְׁט, אִיז גָארְנִישְׁט אוּן דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אוּן דַארְף נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין".

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט דַארְפְן אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען גֵייט אוֹיף אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט שְׁמוּעֶסְט מֶען זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אַלְץ אַיין, מֶען אִיז זִיךְ מְיַשֵּׁב אַבִּיסְל, מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ: 'וָואס הָאב אִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעטוּן אוּן וָואס דַארְף אִיךְ נָאךְ פַארְעֶכְטְן, וָואס וֶועל אִיךְ מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר?' אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אָן אַיינְזֶען אַז אַלֶעס אוֹיסֶער תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז אִיבֶּערִיג.

זָאלְסְט פוּן יֶעצְט מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; גֵיי אוֹיף אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְצֵייל אִים אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים אוּן אַלֶע דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, זָאג אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר וְכוּ' וְכוּ' וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט יֶעדְן טָאג מִיט אַ פְרִישֶׁע וֶועג דִיר אוֹיסְצוּדְרֵייסְן; וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ וִויל זַיין אַ גוּטֶע אִיד, אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער. אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע".**

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן סִפּוּר מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט יֶענֶעם גֶעזָאגְט: **"גַּם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".**

**אַ גוּטֶע נַאכְט.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשע"ט)

<<<<<< נייעס

און **כיתה ו'** האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די גרויסקייט פונעם יום טוב פורים הבעל"ט, ווי דער זוהר שרייבט אז **יום כפורים איז נאר אזוי ווי פורים**, פארוואס? ווייל פורים איז יעדער פאר זיך, מען דאווענט אין בית המדרש, מען פאסט, אבער פורים פארמערט מען מיט אחדות מען שיקט זיך איינער צום צווייטן משלוח מנות און מתנות לאביונים, מען האט זיך ליב איינע דעם צווייטן, און דאס איז חשובער פון יום כיפור.

אין **כיתה ז'** האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער שפירט זיך דא ממש ווי אין ישיבה, גרויסע בחורים. די קינדער האבן געבעטן אז זיי ווילן שוין קומען אין בית המדרש דאווענען מיט מנין, דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט אז ער וועט רעדן דערפון מיטן מנהל, **דער ראש ישיבה האט געזען אז פילע קינדער קענען אויסנווייניג די דרייצן אני מאמינ'ס**. דער ראש ישיבה האט זיי געגעבן א סימן מען זאל געדענקען וועלכע אני מאמין איז וואס. א' איז "א"מונה, ב' דער "ב"ורא איז מנהיג לכל הבריאים, ג' איז דער אויבעשטער איז נישט קיין "ג"וף, ה' איז "ה"תבודדות, נאר צום אויבערשטן קען מען דאווענען, י' איז "י"ודע, דער אויבערשטער ווייסט אלעס אפילו וואס מיר טראכטן, י"ג די לעצטע איז תחיית המתים, און פארדעם וועט משיח קומען, דערפאר איז י"ב ביאת המשיח.

די באזוך האט געמאכט א געוואלדיגע רושם אויף די קינדער, וואס וועט לאנג געדענקט ווערן.

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אִיז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים נָאר פַאר עֲשִׁירִים אוּן נִישְׁט פַאר אָרֶעמֶעלַייט?




***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, כָאטְשׁ אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַבִּיסְל; אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז נִישְׁט פַאר מִיר נָאר עֶס אִיז מֶער אַ יוֹם טוֹב בְּלוֹיז פַאר עֲשִׁירִים, זֵיי פְרַאוֶוען גְרוֹיסֶע סְעוּדוֹת אוּן פַארְזַאמְלוּנְגֶען, טֵיילְן אַסַאךְ גֶעלְט; עֶס זֶעט מִיר אוֹיס וִוי דֶער יוֹם טוֹב אִיז עֶפֶּעס נָאר פַאר זֵיי אוּן נִישְׁט פַאר פָּשׁוּטֶ'ע אִידְן, וָואס הַאלְט אִיר וֶועגְן דֶעם?

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי - פָּרָה, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס בִּיסְטוּ מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן? עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶועם צוּ מְקַנֵא זַיין, בִּפְרַט אַ גְבִיר; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס אַן עוֹשֶׁר מַאכְט מִיט? מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דֶער וָואס הָאט עֲשִׁירוּת - דֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז אוֹיף דִי עֲשִׁירִים אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין טָאג אוּן קַיין נַאכְט, זֵיי לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג אִין פְּחָדִים וְכוּ'. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, וַוייל אַלֶע וָואס שְׁמֵייכְלֶען צוּ זֵיי דַארְפְן נָאר זֵייעֶר גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמֶת'ע חֲבֵרִים וְכוּ' וְכוּ' אוּן זֵיי שְׁפִּירְן דָאס זֵייעֶר גוּט.

גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף עֲשִׁירִים; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ה, יא): "מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד, אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה יֹאכֵל", אַן אָרֶעמַאן שְׁלָאפְט גוּט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת וְכוּ', "וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן", אָבֶער דֶער עוֹשֶׁר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט צוּלִיבּ זַיינֶע דַאֲגוֹת.

עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶועמֶען צוּ מְקַנֵא זַיין; אוֹיבּ מְקַנֵא זַיין, דַארְף מֶען מְקַנֵא זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיבּ בִּיסְטוּ דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד - זָאגְט עֶר פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן - בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵא."

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ עָשִׁיר - הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", וֶוער אִיז אַן עוֹשֶׁר? - אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ; דֶער וָואס דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

פּוּרִים אִיז אַ יוֹם טוֹב פַאר יֶעדְן אִיד, בִּפְרַט פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה; מֶען זֶעט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען טוּן, מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין עַלִּים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב יא): "וְיֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה", עֶס קֶען אוֹיסְזֶען פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַז אַלֶעס אִיז פַארְמַאכְט, אַלֶעס אִיז דֶערְנָאךְ, אוּן פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט אַ יְשׁוּעָה

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

וָואס מֶען הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן פַאר דֶעם; פּוּרִים וַוייזְט אוּנְז אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יֵאוּשׁ.

מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר זוּכְט זִיךְ אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים – דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, עֶר אִיז אַן אֶמֶת'עֶר עוֹשֶׁר. עֶר אִיז רַייךְ וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אַלֶעס גֶעבְּן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת בָּלָק, קצה.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַן אָרֶעמַאן שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִיק. אוּן וֶוען דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעזֶען דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם אָרֶעמַאן'ס תְּפִלָּה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת, זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): "תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה' אָזְנְךָ עֲנֵנִי", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", וַוייל אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "פורים מאביל" פארברייטערט אקטיוויטעטן

ווי באקאנט פון אלע יארן גייען ארום די בחורים פון ישיבה יעדעס יאר אום פורים צו די חשובע נדיבי עם וואס נוצן אויס דעם גרויסן טאג פורים צו שטיצן און ארויסהעלפן די הייליגע ישיבה וואס האט שוין געהאלפן און העלפט ארויס אזויפיל אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, א זכות וואס איז אומשאצבאר.

אזוי ווי די הייליגע מוסדות שטייען יעצט אין גאר א שווערע פינאנציעלע מצב, וועט מען דאס יאר אויסברייטערן די אקטיוויטעטן אום יום טוב פורים, צו מאכן מערערע גרופעס צו קענען אנגעקומען צו אלע היימישע געגנטער אין ניו יארק און ניו דזשערסי און ארום, ווי די בחורים וועלן ארויפקומען און גאר פרייליך מאכן אין די שטיבער פון די נדיבים וואס העלפן ארויס די הייליגע ישיבה זיך צו קענען שטעלן אויף די פיס, און אנפילן די טיפע חובות-לעכער וואס צועפענען זיך לעצטנס מער און מער.

אויב ווילט איר געבן גרעסערע סכומים פאר די הייליגע ישיבה, אדער ווייסט איר פון א שכן, קרוב, אדער גוטער פריינט וואס וואלט געהאט חשק די בחורים זאלן ארויפקומען צו אים אום יום טוב פורים, זעט צו רופן ווי פריער, ווייל מען וועט נאר קענען אננעמען ביז ווילאנג די ליסטע ווערט פול. פאר ברוקלין רופט מו"ה שמעון פיש הי"ו אויף **917-232-9070**, און פאר אנדערע געגנטער רופט מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו אויף **845-537-7477**.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**

***

# שיינע באזוך פונעם ראש ישיבה אינעם חדר אין קרית ברסלב

פארגאנגענעם מאנטאג האבן די קינדער פון **תלמוד תורה היכל הקודש אין קרית ברסלב** געהאט די זכי' אז זיי האבן געהאט א געהויבענע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א.

צוערשט איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן דעם נייעם בנין אין **מחנה אילן החיים**, אין בעפארברייטונג צום זומער און קעמפ סעזאן הבעל"ט ווי מען דארף מסדר זיין די קינדער אין די קעמפס. דערנאך האט דער ראש ישיבה באזוכט דער **ישיבה** אין שטעטל, דער נאך די קינדער אין **תלמוד תורה**, אזוי אויך אינעם **אדמיניסטראציע אפיסעס**, דער **קרן הדפסה** פאבריק, און די **אפיסעס** **פונעם כולל** און נאך.

די קינדערגארטן קינדער האט דער ראש ישיבה באגעגענט ווען זיי זענען געווען אויפן וועג אהיים, דער ראש ישיבה האט זיי געטיילט קענדיס, דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין יעדע כתה באזונדער, און אין יעדע כתה האט דער ראש ישיבה אויסגערומט די קינדער און ארויסגעברענגט די ספעציעלקייט פון דעם כתה, און ווי שטארק ער פריידט זיך צו קענען קומען און ווי ער האט זיך שוין אזוי געבענקט צו זיי, און ווי ער זעט ווי די קינדער זענען וואויל און צדיקים, דער ראש ישיבה האט געטיילט גוטע זאכן פאר די קינדער און האט מחזק געווען די מלמדים.

אין **כתה א'** האט דער ראש ישיבה גערעדט פון **די חשיבות פון רעדן צום אייבערשטן אויף די פשוטע שפראך**, און האט פארציילט פאר די קינדער מעשיות ווי דער רבי האט געבעטן דעם אויבערשטן וואס ער האט געדארפט. דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער צי זיי האבן א "מעשה פון תפלה", איינער האט געזאגט אז ער האט געבעטן דעם אויבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל קומען, דער ראש ישיבה האט אים געזאגט "זעסט דער אויבערשטער האט צוגעהערט דיין תפלה, איך בין דא", דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט **אויך ער בעט דעם אויבערשטן אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן צדיקים און תלמידי חכמים.**

אין **כתה ב'** האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די חשיבות פון פיאות און ציצית, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער א ווארט פון צדיקים **אז ווען מ'קושט די ציצית און מען לייגט עס אויף די אויגן און מען זאגט "מצוות ה' ברא מאירת עינים", איז עס מסוגל אז די אויגן זאלן בלייבן געזונט מען זאל קענען אייביג זען.**

אין **כתה ג'** האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די מגילה, מ'איז געגאנגען צו די סעודה פון אחשורוש, היינט איז אויך דא אזעלכע זאכן - האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט - מען מאכט קאנצערטן אן יראת שמים, און די וואס פאלגן מרדכי הצדיק גייען נישט אהין. וואס לערנט אונז מרדכי הצדיק אויס? **מען זאל שרייען צום אויבערשטן "העלף מיר"**. דער ראש ישיבה האט גערעדט צו די קינדער איבער זיך פארשטעלן פורים, וויבאלד זיי זענען שוין גרויס, דארפן זיי פארשטיין אז וואס עלטערן זאגן איז הייליג און טייער, און אז מען ווערט נישט מעכטיג מיט א טייערע פארשטעלאכטס. דער ראש ישיבה האט אויך גערעדט פון די גרויסקייט פון משניות.

אין **כתה ד'** האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די פרשה פון בויען די משכן. "בקרוב וועט משיח קומען, און ער וועט רופן דעם מנהל ער זאל שיקן די געשיקטע קינדער זאלן אים העלפן בויען דעם בית המקדש, און דער מנהל וועט אים ענטפערן, איך בעט דיר איבער, אבער די קינדער דארפן לערנען תורה, **ווייל די הלכה איז אז לערנען תורה איז מער חשוב ווי בויען דעם בית המקדש**", דער ראש ישיבה האט גערעדט איבער די מיאוסקייט פון מחלקות און די גרויסקייט פון שלום. דער ראש ישיבה האט געוויזן אויפן דאך און זיי געזאגט עטס זעטס די לעכער, דאס זענען קעמרעס, ווייל דער אויבערשטער זעט אלעס, אבער נישט נאר פון די לעכער נאר איבעראל **אין די גאנצע וועלט זעט דער אויבערשטער.**

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל פקוס** הי"ו קרית ברסלב

צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון הבחור **נחמן** ני"ו

***

מו"ה **בצלאל לונצער** הי"ו מאנטשעסטער

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **לייבי אפפעל** הי"ו קרית ברסלב

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א**

מנהל כללי דמוסדותינו הקדושים

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

**הבחור החשוב נחמן עמרם ני"ו**

ר' אברהם משה איז דער בריח התיכון פון אונזערע הייליגע מוסדות; נאר א דאנק זיין געוואלדיגע מסירת נפש די אלע יארן, מיום הווסדה ועד עתה, האבן זיך די מוסדות אוועקגעשטעלט אזוי שיין לשם ולתפארת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאלן איםביישטיין און ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט, און ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט זיין הייליגע ארבעט.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380